*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת נח

### נח (א)

אין אנהויבס פרשת נח שטייט אז נח איז געווען א "צדיק בדורותיו". בריינגט רש"י צוויי פירושים. דער ערשטער פירוש איז "לשבח", אויב אין א דור פון רשעים איז נח געווען א צדיק, איז אין א דור פון צדיקים וואלט ער אוודאי געווען נאך א גרעסערער צדיק. דער צווייטער פירוש איז "לגנאי", אז לגבי די רשעים פון זיין דור איז נח געווען א צדיק. אויב נח וואלט אבער געווען אין דעם דור פון אברהם אבינו, וואלט ער גארניט געווען פאררעכענט ווי א צדיק.

לויט ביידע פירושים קומט אויס אז נח'ס דור איז געווען זייער א נידעריקער דור. "ותשחת הארץ" (די ערד איז פארדארבן געווארן) און "ותמלא הארץ חמס" (און די ערד איז געווארן פול מיט רויב). די רשעים פון דור המבול האבן געזינדיקט מיט די ערגסטע עבירות פון עבודה זרה, גלוי עריות און גזל. אפילו די בהמות חיות ועופות זיינען געווען פארדארבן, ווי עס שטייט "כי השחית כל בשר".

נח האט געבויט די תיבה 120 יאר כדי צו אויפוועקן אנשי דורו צו תשובה, אבער עס האט ניט געהאלפן און זיי זיינען געבליבן רשעים.

אפילו אין אזא צייט, ווען אלע זיינען געווען רשעים, איז נח געווען א צדיק. אין דעם זכות איז ער מיט זיין גאנצע משפחה געראטעוועט געווארן פון דעם מבול. נח האט אויפגעשטעלט אן "עולם חדש" און געבראכט "מנוחה" און "נחמה" אין דער וועלט (ווי זיין נאמען - נח - באדייטעט, מנוחה ונחמה).

דער אפלערנונג פאר אונז איז: א סאלדאט פון "צבאות השם" פילט זיך אמאל אליין; די גאנצע וועלט ארום עם פירט זיך ניט ווי צדיקים, און אפילו אין זיין אייגענע קלאס ווילן אנדערע זיך פירן ניט ווי מען דארף.

דערמאנט אונז נח אז מען דארף זיין "צדיק הי' בדורותיו". אפילו ווען אנדערע זיינען רשעים דארף מען זיין א צדיק. אזוי בריינגט מען אנדערע צו טאן תשובה, און מען בויט א "נייע וועלט". מען בריינגט מנוחה און נחמה צו דער וועלט.

יעדער סאלדאט פון "צבאות השם" איז און דארף זיין א נח.
(משיחת ב' חשון תשמ"ג - לצבאות השם)

### נח (ב)

אלה תולדות נח נח איש צדיק - זאגט רש"י: הואיל והזכירו סיפר בשבחו, שנאמר זכר צדיק לברכה. וויבאלד די תורה האט דערמאנט נח, דערציילט די תורה זיין מעלה.

דארף מען פארשטיין:

וואס איז דער תועלת אז מען איז משבח א צדיק?

וועט מען עס פארשטיין דורך פריער פארשטיין א גמרא. "לשון תליתאי קטיל תליתאי". לשון הרע מאכט א שאדן ניט בלויז דעם וואס רעדט און דעם וואס הערט, נאר אויך דעם אויף וועמען מען רעדט. ווייל דעם אויף וועמען מ'האט גערעדט לשון הרע וועט זיך נוקם זיין אין דעם רעדער און דער גואל הדם פון רעדער וועט זיך נוקם זיין אין עם.

ווערן דריי מענטשן געהרג'ט: דער רעדנער, דער הערער און דעם אויף וועמען מען רעדט.

דארף מען פארשטיין: דער וואס רעדט און דער וואס הערט האבן זיך ביידע באטייליגט אין א הארבע עבירה, ווי די גמרא זאגט אז לשון הרע איז גלייך צו עבודה זרה, שפיכת דמים און גילוי עריות. במילא איז פארשטאנדיק פארוואס לשון הרע שאדט זיי. אבער וואס איז שולדיג דער אויף וועמען מען רעדט? ער האט ניט געטאן די עבירה; פארוואס זאל ער ליידן?

דער ענטפער איז:

ווען מען רעדט אנטפלעקט דאס צו יענעם וואס מען טראכט. דאס מיינט אז דיבור ברענגט ארויס פון א מענטשן דאס וואס איז באהאלטן אין עם. אזוי אויך מיט יענעם אויף וועלכן מען רעדט. ווען מען רעדט אויף עם שלעכטס, ברענגט דאס ארויס דעם שלעכטס וואס ער האט באהאלטן אין עם. זיין שלעכטס דריקט זיך אויס אין טאן א שלעכטע זאך. דערפאר פארדינט ער אן עונש.

מדה טובה מרובה ממדת פורענות - מה דאך אז רעדן וועגן יענעמ'ס שלעכטס האט א שלעכטע ווירקונג אויף עם, איז מכל שכן, געוויס, ווען מען רעדט וועגן יענעמ'ס טוב און שבח האט עס אוודאי א גוטע ווירקונג. עס העלפט עם ארויסברענגען פון זיך זיין טוב און זיינע מעלות.

דאס איז ניט נאר ווען דער אויבערשטער איז משבח א מענטשן ווי ביי נח, נאר אפילו ווען א מענטש רעדט גוט אויף זיין חבר העלפט דאס עם ארויסברענגען זיינע מעלות.

(לקו"ש ח"ה ע' 36)

## נח (ג)

די וואסערן פון מבול ווערן אנגערופן "מי נח", די וואסערן פון נח.

דארף מען פארשטיין:

פארוואס ווערן זיי אנגערופן "מי נח", נח איז דאך ניט געווען שולדיג אין דעם מבול, ער איז דאך געווען א צדיק תמים?

זאגט דערויף דער זהר - ווייל נח לא התפלל על בני דורו (נח האט ניט גדאווענט

פאר די מענטשן פון זיין דור) דערפאר ווערט דער מבול אנגערופן אויף זיין נאמען.

דער זהר פארגלייכט נח מיט אברהם אבינו. וועגן אברהם אבינו שטייט "ויקרא בשם ה'". ער האט מפרסם געווען דעם נאמען פון דעם אויבערשטן אין דער וועלט. ער איז געווען א גרויסער מכניס אורח וועלכער האט געגעבן עסן און שלאפן צו זיינע אורחים. אויך האט ער זיי געגעבן רוחניות'דיקע השפעה. ער האט זיי געגעבן צו פארשטיין אז נאכ'ן עסן דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן. דאס מיינט, אז אברהם האט אויך געטראכט וועגן אנדערע.

נח אבער איז טאקע געווען א צדיק תמים. ער איז געראטעוועט געווארן פון מבול צוזאמען מיט זיין פרוי און קינדער. ער האט אבער ניט מתפלל געווען פאר די מענטשן פון זיין דור און ער האט זיי ניט מחזיר בתשובה געווען. ער האט נאר זיך אליין מיט זיין משפחה פארשלאסן אין דער תיבה. דערפאר הייסט דער מבול אויף זיין נאמען "מי נח".

אויב נח האט געדארפט מתפלל זיין אויף בני דורו אין דער צייט פאר מתן תורה, איז דאך אוודאי נאך מתן תורה ווען "כל ישראל חברים" און "כל ישראל ערבים זה בזה" (אלע אידן זיינען חברים און פאראנטפארטליך פאר דעם צווייטן) דארף יעדער איינער טראכטן ניט נאר וועגן זיך, נאר ווי קען ער העלפן נאך א אידן בגשמיות וברוחניות.

(לקו"ש ח"ב ע' 452)

## נח (ד)

דער יצר הרע קומט צו א אידיש קינד און פרעגט עס: פארוואס דארפסטו לערנען פרשת נח, א דערציילונג וועגן א מבול וואס האט פאסירט מיט טויזנטער יארן צוריק? וואס קענסטו זיך אפלערנען פון דעם היינט? און וואס פאר א הוראה האט דאס פאר דיר אין דיין לעבן?

האט דער בעל שם טוב אונז אנגעוויזן וואס מיר קענען זיך אפלערנען פון דעם געשעעניש.

צו ראטעווען נח און זיין משפחה פון דעם מבול, האט דער אויבערשטער עס באפוילן צו בויען א "תיבה" א קאסטן. דערווארט "תיבה" מיינט אין לשון הקודש אויך א "ווארט" - א "ווארט" פון דאווענען און א "ווארט" פון לערנען תורה.

ווען מען גייט אריין אין דער "תיבה" פון תורה ותפלה, ווערט מען באשיצט פון א מבול. אפילו ווען עס הערשט א מבול אין גאס און די וועלט ווערט חרוב, באשיצט עס תורה ותפלה פון דעם מבול. און ניט נאר עם אליין, נאר די תורה און תפלה באשיצט אויך זיין גאנצע משפחה, אזוי ווי ביי נח.

ווען עס קומט ווינטער און אויפ'ן גאס שנייט אדער עס רעגענט קומט דער יצר הרע און טענה'ט: דו קענסט יעצט ניט גיין לערנען, אדער עס איז צו קאלט צו גיין דאווענען מיט א מנין. עס איז אוממעגליך ארויסצוגיין אין גאס.

לערנט אונז דער מבול, אז דער "תיבה" פון דאווענען און לערנען באשיצט א אידן פון א מבול. א רעגן קען ניט אפהאלטן א אידן פון גיין אין ישיבה אדער גיין אין שול.

(משיחות כ"ז תשרי תשד"מ - לצבאות השם)